בחור האָט געהערט דאָס דאָזיקע וואָרט, איז ער
אַוועקגעגאַנגען אַ טרויעריקער; וואָרום ער האָט
געהאַט אַ גרויס פאַרמעגן.
23 און ישוע האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים: באמת
זאָג איך אייך: עס איז שווער פאַר אַן עושר אַריינצו־
24 גיין אין דעם מלכות־השמים. און ווידער זאָג איך
אייך: אַ קעמל קען לייכטער אַריינגיין דורך דעם
לאָך פון אַ נאָדל, ווי אַ רייכער אין דעם קעניגרייך
25 פון ג־ט! און ווען די תלמידים האָבן דאָס געהערט,
זענען זיי שטאַרק בשתומם געוואָרן, און האָבן
26 געזאָגט: ווער זשע קען דערלייזט ווערן? און ישוע
האָט אויף זיי געקוקט און געזאָגט צו זיי: ביי
מענטשן איז דאָס דאָזיקע אוממעגלעך; ביי ג־ט
27 אָבער איז אַלץ מעגלעך. דעמלט האָט פּעטרוס
ענטפערנדיק צו אים געזאָגט: זע, מיר האָבן אַלץ
פאַרלאָזן, און דיך נאָכגעפאָלגט; וואָס וועלן מיר
28 האָבן דערפאַר? און ישוע האָט צו זיי געזאָגט:
באמת זאָג איך אייך, אַז איר, וואָס האָבן מיר נאָכ־
געפאָלגט, וועט אין דער נייער וועלט, ווען דער
בן־אדם וועט זיצן אויף זיין כסא הכבוד, אויך זיצן
אויף צוועלף טראָגנען און משפטן די צוועלף שבטים
29 פון ישראל. און יעדער איינער, וואָס האָט פאַרלאָזט
הייזער אָדער ברידער אָדער שוועסטער אָדער
פאָטער אָדער מוטער אָדער קינדער אָדער פעלדער
צוליב מיין נאָמען, וועט אַ סך מאָל מער באַקומען,
30 און ירשענען דאָס אייביקע לעבן. נאָר אַ סך ערשטע
וועלן זיין לעצטע, און לעצטע—ערשטע.